„RADOMER-KIELCER LEBEN“ № 12 (100) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem“ יאָהרגאַנג דריטער פּרייז 25 גראָשען

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

היינט 14 זייטען

אדרעסען
פון „ראַדאָמער קעלצער לעבען“

אין ראַדאָם
Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben“
Radom, Szwarlikowska 20.

אין קעלץ.
Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben“
Kielce, Stato-Warszawska 34.

אַנאָנסען פּרייז:
איין מילימעטער שורה: פאַר'ן טעקסט 20 גר.
„ „ אין „ 40 „
„ „ נאָכ'ן „ 18 „
די ערשטע זייט ענטהאַלט 8 שפּאַלטען
„ אין טעקסט אין לעצטע זייט 4 „

ראַדאָם מאָנטאג ערב פּסח יד' ניסן תרפ"ו — פאַר'ן אינהאַלט און טעקסט פון די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע נישט פעראַנטוואָרטליך — 29-go Marca

## בעקאַנטמאַכונג.

איך האָב דעם כבוד בעקאַנט צו מאַכען, אַז אויף היי יאָהר פּסח הבע"ל האָב איך פּרוזעהן מיין געשעפט מיט גוטע וויינען כשר על חג הפּסח ווי אויך שפּירט 96⁰ 90⁰ מרעקטיפיקאַציע מלובמל מיט'ן „ליבאַלע“ בהשגחת הרבנים ו. מ. בידערמאַן ור' מ. אלטער מ'גער שליט'א, אויך מעהד. די בעסטע סאָרטען ביליג און גוט, כשר למהדרין מן המהדרין. איך בעזיץ אויך גוטע ליקערען כשר על חג הפּסח.

גלייכצייטיג מאַך איך בעקאַנט אַז איך האָב די אויסשליסליכע פערטרעטונג אויף צוקער און קרישטאַל מיט'ן הכשר אויף פּסח אויף ראַדאָם און פּראָווינץ.

בעשטעלונגען ווערען אָנגענומען אויך דורכן טעלעפאָן. מיט אַכטונג:

**נתן גאָטליעב**

ראַדאָם וואַרשאַווסקאַ 2 טעלעפאָן 131.

---

אַכטונג! אַכטונג!

## העברעאישע „אָווענד-קורסען“

זונטאג ד' אייר 18|4 עפענען מיר „העברעאישע אָווענד-קורסען“ אין דעם לאָקאַל פון **אברהם** באָרענשטיינס שולע שפּאַציר-גאַס 12 טעגליך פון 7 ביז 10 אָווענד. עס וועט געלערענט ווערען די העברעאישע שפּראַך מיט דעם ספרד'ישען אויסשפּרוך, דקדוק ווי אויך תנ"ך מיט היסטאָריע. דער פּרייז איז פאַר אַלע צוזאַמען, 4 זלאָטעס אַ מאָנאַט. איינשרייבען קען מען זיך יעדען טאָג פון 6 ביז 10 אָווענד אין אויבענדערמאָנטען לאָקאַל.

מיט אַכטונג

**יחיאל יוסף באָרענשטיין.**

---

## קאָנקורענץ

כשר לפּסח! כשר לפּסח!

די לאַנג עקזיסטירענדע סאָלידע פירמע

## ירמיהו ראָזענבערג וואַלאָוואַ 21

איז פערזעהען אויפ'ן קומענדיגען פּסח מיט אַ גרויסען אויסוואַהל פון פערשידענע וויינען, אויסלענדישע און אינלענדישע, מעד, י"ש 90, 96, 75, ווי אויך כרמל-וויין. אַלץ פון די בעסטע סאָרטען.

די רעעלקייט און כשרות פון מיין פירמע איז אַלעמען בעקאַנט, קויפט דעריבער אַלע נאָר ביי

**ירמיהו ראָזענבערג**

— וואַלאָוואַ 21 —

---

Sp. Akc. Towarzystwo UBEZPIECZEŃ **„PIAST“** w WARSZAWIE Marszałkowska 124

zawiera ubezpieczenia w następujących działach:

Od ognia, od przerwy w ruchu przedsiębiorstw, spowodowanej pożarem (chomâge), od kradzieży z włamaniem, inkasentów, od rabunku, szyb i luster od pęknięcia i rozbicia, koni, transportów lądowych i morskich, życiowe i od nieszczęśliwych wypadków.

Obecnie uruchomione zostały nowe działy: **UBEZPIECZENIA SAMOCHODÓW** w ruchu i postoju (Auto-Casco) **UBEZPIECZENIA OD ODPOWIEDZIALNOŚCI CYWILNEJ** we wszystkich dziedzinach życia.

Warunki i szczegóły wszystkich ubezpieczeń udzielane są w Radomiu i Okolicy przez Zastępców Towarzystwa „PIAST“ p. p. **M. Rosenberga** (Szeroka 19), **E. Jelińskiego** (Giserska 7), **J. i D. Mittelstäd** (Warszawska 9).

**Towarzystwo „PIAST“ należy do wielkiego koncernu.**

Riunione Adriatica di Sicurtà w Tryeście.

אַ הערצליכען מזל-טוב און צופרידענהייט ווינשען מיר דעם פּרנס (פערוואַלטונג'ס-מיטגליד)

**ה' יוסף קאַהן** צו דער חתונה פון זיין טאָכטער.

די פערוואַלטונג
פון דער יודישער קהלה
אין קעלץ.

קעלץ אין מערץ 1926.

---

טעאַטער „ראָזמאַיטאָשטשי“ ראַדאָם

## טרעפנונג פון זימער סעזאָהן

פּראַאיינגעטע טרופּע פון אידישען אַרטיסטען פעראיין אין וואַרשע

מיטן אַנטייל פון די בעליבטע אַרטיסטען. פרויען: ביאַלקאָוויטש (ראָזענצווייג) לובאַרטאָווסקאַ, צאַהם, שפּילמאַן, א. א. ה"ה ביאַלקאָוויטש, ווינער, ווייינבערג, פעלד, שטיין, א. א.

אַ פריילעכען יום-טוב — אַ פריילעכען יום-טוב

דינסטאַג דעם ערשטען טאָג פּסח 1 פאָרשטעלונג אָנהויב 4 נ. מ. ווערט געשפּילט צום ערשטען מאָל אין דעם סעזאָהן די פריילעכע אָפּערעטע אין 4 אַקטען פון סעגאַל

**די פריילעכע קידי**

מיטוואָך דעם 2-טען טאָג פּסח 2 פאָרשטעלונגען 4 נ. מ. פון 60 גר. ביז 2 זל. ווערט געשפּילט די באַליבטע קאָמישע אָפּערעטקע אין 3 אַקטען פון שאָר

**בערעלע בּאַסיאַק**

פּרעמיערע! פּרעמיערע!
מיטוואָך 8.45 אָווענט ווערט געשפּילט צום ערשטען מאָל דורך דער טרופּע די איבעראַל בעליבטע קאָמישע אָפּערעטקע אין 3 אַקטען פון מ. פּיקאַן

**יענקעלע.**

בילעטען צו בעקומען יעדען טאָג פון 11 פריה און אין קאַסע פון טעאַטער

סופלער בלאָט
געשעפטס-פיהרער לייכטער

אין פּראָבען: „פאַר אונזער גלויבען, וואָס מענער ליבען, דייזעלע דעם רבינ'ס קאָוואָקאָווער ליבע“.

# ראדאמער כראניק.

## ד'ר גרשון לעווין אין ראדאם.

ווי מיר דערוויסען זיך, קומט אין די נעכסטע טעג קיין ראדאם וועגען „טאז" — אנגעלעגענהייטען, דער בעוואוסטער ד"ר גרשון לעווין, פארזיצענדער פון דער געזעלשאפט „טאז" אין פוילען —.

די ידיעה האט ארויסגערופען א גרויסע פעראינטערעסירונג אין אונזער שטאדט.

## פון „מכבי".

אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג פון די מיטגלידער פון היגען ספארט־קלוב „מכבי" וועלכע איז פארגעקומען דעם 7—טען פעבריואר, איז אויסגעוועהלט געווארען א נייע פערוואלטונג, וועלכע האט זיך קאנסטיטואירט אויף פאלגענדען אופן: ד"ר יעקב פאמראק — פארזיצענדער; חיים גרינשטיין — 1—טער וויצע פארזיצענדער משה סטאשעווסקי 2–טער וויצע-פארזיצענדער; מרדכי גלאט — סעקרעטאר; אשר וויינבערג — קאסירער; גרשון וואקשלאג און צבי דאנציגער — מיטגלידער פון דער פערוואלטונג.

דעם 6—טען אפריל (לעצטאר טאג פסח) ביינאכט קומט פאר אין זאל פון פון האטעל ערזפעאיסקי („מיראזש") א גראנדיעזער ראאוט, וועלכע ווערט איינגעארדענט דורך ד ע ם היגען ספארט קלוב „מכבי".

## די היינטיגע פאר פסח אקציע.

בשותפות מיטן רעטונגס קאמיטעט פיהרט א דורך היי יאהר די פאר פסח אקציע די געזעלשאפט „עזרה". ס'האט געזאלט ווערען ארויסגעגעבען די קופאנען אויף די פראדוקטען אין לאקאל פון „עזרה". צוליב דעם שטארקען ענגשאפט האט מען אנגעהויבען א היימשיקען. די קופאנען בעשטעהן פון מצות, פלייש, וויין, ציבעל, צוקער און קונסט-פעטס.

א גרויסע צאהל האבען בעקומען צוגעשיקט מתן בסתר.

## א קוך פאר יודישע זעלנער.

די גמינע האט איינגעארדענט אויף גאנץ יום־טוב א קוך פאר 65 יורישע זעלנער אין „עזרה". דער דאזאר ה' ציטרין פערנעמט זיך דערמיט און האט די אויפזוכט איבער דער קוך.

## א קוך פאר די ישובה-בחורים.

די גמינע האט איינגעארדענט א ספעציעלע קיך פאר יודישע ישובה-בחורים, וואס זענען ערשט נישט לאנג געקומען קיין ראדאם.

## כשר עסען פאר יודישע ארעסטאנטען.

די גמינע האט בעזאריגט אויף פסח מיט כשר עסען די יודישע ארעסטאנטען, וואס געפינען זיך אין די ראדאמער תפיסות, זי האט צו דעם צוועק איינגעארדענט א ספעציעלע קוך.

## פון „טאז"

אויך היי־יאהר וועט די ראדאמער „טאז"-אבטיילונג גרינדען א זומער־קאלאניע פאר ארימע קינדער אין איינעם פון די קור-ערטער אונטער ראדאם. וועגען דעם טערמין פון איינשרייבען זיך וועט געמאלדען ווערען בעזונדער.

באלד נאך פסח פאהרט אב קיין ווארשא, אין דער צענטראלער רענטגען-סטאציע פון „טאז", א גרופע פאוואוס-קראנקע קינדער (מיט אימריינע קעפ), וואו זיי וועלען געהיילט ווערען דורך רענטגען-שטראהלען.

אין די נעכסטע טעג וועלען פארקומען 2 רעפעראטען, פון ד"ר ראשקעס (וועגען „מוטער-היגיענע") און ד"ר פאמראק (וועגען „קינדער־היגיענע").

## יודיש טעאטער אין ראדאם.

נאך אנ'הפסקה פון 8 וואכען, איז די יודישע טרופע, אונטער דער לייטונג פון ה' לייכטער צוריק געקומען קיין ראדאם. די טרופע וועט, מעגליך, דא פערבלייבען א געוויסע צייט און וועט דורך דער צייט אויפפיהרען א רייהע נייע פיעסען.

די טרופע האט גאסטראלירט אין קעלץ, סאסנאוויץ, בענדין און איבעראל געהאט גרויס ערפאלג.

ס'איז צו האפען, אז דער יודישער טעאטער-עולם אין ראדאם וועט צאהלרייך בעזוכען די פארשטעלונגען פון די בעקאנטע יודישע ארטיסטען און אונטערשטיצען דאס יודישע טעאטער, ווי פריהער.

## רעפעראט פון פראפ. מושקאטבליטה.

דינסטאג דעם ערשטען טאג פסח וועט פראפ. פ. שושקאטבליטה האלטען אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע א רעפעראט א. ד. ט. „ט"ו ניסן און ט"ז ניסן-צווייי וועלטען" דער רעפעראט קומט פאר 6 נ. מ.

## פון האדווערקער-קלוב.

די קולטור קאמיסיע ביים קלוב, העלכע האט א גאנצען ווינטער מיט גרויס ערפאלג אדורכגעפיהרט יעדער וואך סיסטעמאטישע פארלעזונגען, וועלכע זענען צוליב די יום-טוב וואכען איבערגעריסען געווארען.—הייבט אן אויפסנייי פון שבת דעם 10 טען קוויסטשען איינצוארדענען די פארלעזונגען.

# קעלצער אבטיילונג.

## צו דער גרינדונג פון דער געז. „הזמיר" אין קעלץ.

ביי דער יעצטיגער דערשלאגענקייט און מוטלאזיגקיים, וואס איז א פועל יוצא פון דעם עקאנאמישען חרבן און פאליטישע דורכפאלען, האט מעהר פון אלעם געליטען דאס געזעלשאפטליכע און קולטורעלע לעבען ביי די יודישע מאסען. נישט אין די מאטעריעלע און פינאנסיעלע שוועריגקייטען איז די סיבה, נאר אין דעם יאוש, אין דער אפאטיע, וואס הערשען איבעראל אין אלע יודישע קרייזען, און דאך נישט קוקענדיג אויף דער מרה שחורה, וואס עס איז צו בעמערקען אויף דער יודישער גאס איז א דאנק דער אינציאטיוו פון א פאר יונגע לייט געלונגען צו שאפען אויפן קעלצער באדען א ליטעראריש מוזיקאלישע געזעלשאפט · וועלכע איז פון פערשידענע שאטירונגען און מיט אלעכעלע אנשויאונגען, וועט דער „תזמיר" אלס א אן א פאליטישע און אונפארטייאישע אינסטיטוציע, זיין מעהר ווי נעוויגשען.

„הזמיר" מיט זעהר גרויסע פלאנען און פערספעקטיווען אויף דער צוקונפט. אזא קולטורעלע אינסטיטוציע האט שוין אונז פון יאהרען געפעהלט און עס איז ווירקליך צו בעגריסען די יונגע אינציאטארען פאר זייער מוטה און אויסערגעוועהנליכע ענערגיע ביים גרינדען די געזעלשאפט אין אזעלכע שווערע און אומעטיגע צייטען.

מעהר פאר אלע דארף דאנקבאר זיין די יוגענד, וועלכע וועט געפונען אין דער אינסטיטוציע א קאנצענטרירונגס-פונקט פאר איהרע גייסטיגע און קולטורעלע בעדערפנישען. בפרט נאך פאר דער קעלצער י ו ג ע נ ד וועלכע איז פון פערשידענע שאטירונגען און מיט אלעכעלע אנשויאונגען, וועט דער „תזמיר" אלס א אן א פאליטישע און אונפארטייאישע אינסטיטוציע, זיין מעהר ווי נעוויגשען.

ביי דער ביז יעצטיגער עקזיסטענץ מצד דער געזעלשאפט איז אונגלויבליך און זעהט אויס ווי א לעגענדע, אז אין אזא קורצע צייט פון דער ערשטער ארגאניזירונג'ס - פערזאמלונג, ביי שווערע בעדינגונגען (אהן א לאקאל) אהן מאטעריעלע מיטלען איז געשאפען געווארען א צאהלרייכער קרייז פון סימפאטיקער און מוזיק-ליבהאבער אלס צוקונפטיגע מיטגלידער פון דעם „הזמיר".

במשך פון נישט גאנצע צוויי חדשים איז געלונגען דורכצופיהרען אלע נויטיגע שריט, אז אין קעלץ זאל א „הזמיר"-געזעלשאפט קענען עקזיסטירען ביי די אלע שוועריגקייטען איז דאך געלונגען א דאנק דעם ה' לעאן ווייַנער איינצושטודירען א חאר פון 60 פערזאן און א מוזיק-ארקעסטער פון 30 פערזאן.

עס פערשטעהט זיך, אז וועגען דעם קינסטלערישען און מוזיקאלישען ווערט איז נאך פריהצייטיג צו אורטיילען, אבער א דאנק דער גרויסער פעראינטערעסירונג פון די בעטייליגטע און גוטען צוזאמענשטעל קען מען שוין בעגריסען אלס זעהר געלונגען און האפענטליך וועט שוין אין גיכען די קעלצער בעפעלקערונג האבען די מעגליכקייט צו בעגריסען עפענטליך דעם נייגעגרינדעטען „הזמיר" און ווי געהעריג אפשאצען די פערדינסטען פון די יונגע אינציאטארען, ה"ה ד. ווארגאן, פ. בוגאמער א. אנדערע, וועלכע האבען געווידמעט זייער צייט און מיה פאר דער גרינדונג פון דער געווינשטער אינסטיטוציע.

א. סערוועטניק.

# קעלצער „חד גדיא"

רעדאגירט פון קעניג שווארץ.

## דער סדר פון דער קעלצער קהלה.

קדש. טאמער שרייבט עמיצער א ווארט געגען דער קהלה, קאן ער ווערען א קדוש...

ורחץ. קום שמייכעלט נישט א בעאמטער צו א דאזאר, וואשט מען זיך צו איהם...

כרפס. שטימען געגען נאציאנאלען בלאק בנוגע 11%... הייסט עס א הפקרות, ווי פיעטרושקע.

יחץ. אויב מ'העכערט א בעאמטען 20 זלאטעס, מען אנגאזשירט א נייעם שוחט און מ'וויל נישט צו נעמען קיין מנקר, איז מען גרייט צו צוברעכען די גמינע...

מגיד. גאנצע טעג און נעכט האלט מען אין איין זאגען און מ'זאגט גאר נישט אויס...

רחצה. 500 זלאטעס א חודש איז צו-ווייניג.. און מ'וויל זיך כסדר וואשען צו דער שחיטה..

מוציא. מ'טיילט וועקסלען מיט געלד און דער בעאמטע האט נישט אויף קיין מוציא...

מצה. מ'גרינדערט קאמיסיעס, בלאמבעס, קוויטעס און דער ארימאן האט נישט קיין מצה...

מרור. אפילו ביי די בעסטע האסעס איז דארט ערגער ווי מרור...

כורך. מען מישט אויס: שחיטה, קמחא דפסחא, בית-החיים, בודזשעט, מקוה, בעאמטע, סינאגאגע, קאנטריבוציע, א פערשטארבענעם סעקרעטאר!.. פעסער, נאמנים און מ'ווייסט נישט ווי מ'האלט...

שלחן-עורך מ'גרייט צום טיש א סדר היום פון 12 פונקטען, ס'געריעט א גאנצע נאכט און מען ערלעדיגט גאר נישט...

צפון. די סובסידיעס ווערט מען אויסצאהלען, ווען משיח וועט קומען...

ברך. וויפיעל געלד ס'זאל דארט נישט זיין, איז אלץ נישט קיין ברכה...

הלל. קורץ טערמיניגע ווערקסלען בעקומען די בעאמטע מינימום אויף דריי, אדער פיער הלל'ס... (ראשי-חדשים).

נרצה. ווער ס'קאן מיטמאכען די אלע פאליטישע קינצען, איז נושא חן ביי יעדען דאזאר, איז א ציוניסט, א מזרחיסט, א האנדווערקער און א אגודה ניק, ארבייט מיט ן טויט און פערלאנגט נישט קיין געלד, דער איז א בעוויליגטער בעאמטער...

אצינד געהט די קשיה, אויף וועלכע קיינער קאן נישט געבען קיין תירוץ...

ח. ירוק.

## „הא לחמא עניא".

(וואס דער קעלצער רעדאקציאנס-קאלעגיום דארף זאגן ביים סדר)

הא לחמא עניא די אכלו אבהתנא בארעא דמצרים, דאס איז אונזער ארימע רעדאקציע, וואס מיר ליידען איבער איהר, ווי א מאל די יודען אין מצרים, וועט איהר פרעגען פארוואס? ווייל מיר זאגען נישט: כל דכפין ייתי וייכול -- ווער עס וויל זאל קומען און פאטשקען, כל דצריך ייתי ויפסח, ווער עס ברויך זיין נאמען זאל געדרוקט ווערען זאל קומען אונז מזכה זיין מיט פאעזיע, השתא הכא, אויב מיר וועלען פון איצט אן אזוי טהוען דאן וועלען מיר זוכה זיין לשנה הבאה בארעא דישראל. אויב מיר וועלען האבען כאטש א טויזענד פונט וועלען מיר קענען פארען נאך ארץ ישראל.

## עבדים היינו.

(ספעציעל צו זאגען פאר אמאליגע גבירים פאסקארזשעס).

עבדים היינו לפרעה במצרים, מיר זענען אמאל געווען פאסקארזשעס, און אונז איז געווען גוט ווי פרעה'ן אין מצרים. ויוציאנו משם ביד חזקה, איז געקומען א גראבסקי און האט אונזער פערמעגען ארויסגעצויגען דורך פער־שידענע שטייערן ביד חזקה, ואלו לא הוציא, ווען ער ציהט טאקי נישט ארויס. הרי אנו ובנינו. דאן וואלטען מיר און אונזערע קינדער (איבער־הויפט אונזערע טעכטער) שוין נישט געוויסט אויף וואס מיר געהען, א ארי־מאן איז אונז שוין געווען ווי א שפין אין די אויגען, ואפילו כלנו חכמים, און כאטש מיר זענען געווען אזעלכע קלוגע, כלנו יודעים את התורה, מיר האבען געוויסט די תורה פון שווינדלען און פאסקעווען, זענען מיר היינט דאך געבליבען גרויסע דלפנים. מצוה עלינו לספר, איז טאקי א מצוה וועגען אונז צו דערצעהלען, וכל המרבה לספר, און דער וואס דערצעהלט וועגען אונז, הרי זה משבח...

■■■

## ווי אזוי די קעלצער יודען וועלען דעם פסח אפריכטען דעם סדר.

די היגע נויטבעדערפטיגע: ווען די שטיצע פון די אמעריקאנער קעלצער יודען קומט כאטש אן נאך פסח — דינו

א געוויסער היגער אנגעזעהנער כלל-טוער ווען ער דערזעהט אויפ'ן „ראד. קעלצ. לעב." א ארטיקעל ווי מען לויבט איהם טראכט ער ביי זיך: ווען ס'זאל נור נישט זיין אונטער געשריבען זיפלאני — — — דינו

א מאניפאקטור סוחר: ווען איך זאל זיין איינער אויף קעלץ — — דינו

די אינציאטארען פון הזמיר: ווען אינז גיט זיך כאטש איין דער קאנצערט — — — דינו

ה' גאלדשיידער: יא בעטען ענטשולדיגונג פאר די פעטע, אבער נור נישט אויף דער צייטונג נור אזוי צווישען מענשען — — — דינו

עלטערע מיידלעך: ס'איז גענוג צרות אויף אונז וואס מיר האבען ביז איצט נאך נישט חתונה געהאט און ווען מיר זאלען כאטש נישט זיין ביי אלטמען אין די מיילער — דינו

איינער וואס וויל ווערען א קעלצער כלל-טוער: ס'קען זיין א גרויבער עם-הארץ אין פון גאר נישט וויסען נור זיין א קאן-לעפעל א עזות פנים — דינו

מטנכע לעזער פון אונזער צייטונג: וואס טויג מיר אבאנירען, און אז איך בארג זי מיר ביי א שכן איז דען נישט — — — דינו

די לערע „קרן-קימת-פושקע" ביי די נוער-הציוני: וואס טויג זיי די ברודער מיינע זיי זאלען זארגען פאר מיר. און א מאל מיר אריינוואַרפען עטליכע גראשען, זיי זענען רעגיסטרירטע פאר ציונים איז אויך — — — דינו

## לידער...

(א סעריע לידער פון קעלצער פאעטען, וואס האבען נאך נישט געהאט די זכיה געדרוקט צו ווערען).

### פריהלינג.

(ליד)

ווידער ביזטו פריהלונג געקומען.
מיט דיין צאבער און מיט דיין פראכט.
האסט די בלאטעס אויסגעטרוקענט,
און די פעלדער גרין געמאכט.
מיר וועלען ווידער נאך כלאוויק פארען
און פערברענגען ווי אין גן-עדן,

(ענדע אויף 12 טער זייט).

# יעדע ווירטין דארף וויסען,

אז די מאַשטש צו פּאדלאָגעס.

**„JAŚNIEJ SŁOŃCA“** גיט צו די פּאָדלאגעס, פּאַטאָצקעס און לינאָלעאום אַ שיינע און לאַנגדויערד זאַפטיגען גלאַנץ פּהן באַנוצען זיך מיט בערשטען.

# „Jaśniej Słońca“

פערטרעט אייל-פאַרב, פארבט ווייסע פּאָדלאָגעס אין פערלויף

פון א שעה אויף די פּאַרבען:

מאכאָגיאָווע און טינקעל אָרזשעכאווע

פּרובט און איהר וועט זיך איבערצייגען!

פערקויף אין אַלע סקלאַד-אַפּטעטשנעס, זייף און פארב געשעפטען.

Fabryka przetworów techno-chemicznych

**„MARY“** Warszawa, (Sielce) Zajączkowska 9. Tel. 419.69



# הערן און דאַמען!

פערלאַנגט נאָר די בעסטע שוה-פּאַסטע

# „MARY“

ווער ס'האָט איינמאָל פּרובירט האָט זיך איבערצייגט, אַז די בעסטע שוה-פּאַסטע איז נאר

## „MARY“

וואס מאַכט בעקוועם און ווייך די לעדער און פערשאַפט אַ הערליכען שפּיגעל-גלאַנץ.

Fabryka przetworów techno-chemicznych

**„MARY“** Warszawa (Sielce) Zajączkowska 9. tel. 419 69.



# BANK KUPIECKI w RADOMIU

Spółdz. z ogr. odp. **plac 3-go maja 5 telef. № 14.**

די קאָאָפּעראַטיווע סוחרים-באַנק נעמט אָן ווקלאַדען פון די קלענסטע סומען אויף שפּאָר-ביכלעך, ערלעדיגט אַלערליי באַנק-אָפּעראַציעס פּינקטליך און צו מעסיגע פּרייזען, **צאַלט** אויס די איינקאַסירטע געלדער אין דעמזעלבען טאָג.



W. Panom **Dr. J. LEWINSOHNOWI** za bezinteresowne leczenie i nader troskliwą opiekę, jaką otaczał żonę mą podczas ciężkiej choroby oraz **Dr. FLESZLEROWI** za wyleczenie składam serdeczne podziękowanie.

*Karol Gingold.*





ווילט איהר האָבען די שענסטע און מאָדערנסטע צימערן?

איז נאָר צו קויפען **טאַפּעטן**

ביי דער בעקאַנטער פירמא

# ש. שטיינמאַן

## ראַדאָם, לובלינער 21

צו בעדייטענד ביליגע פרייזען.

אַלס ספּעציאַליסט ווערען צימער-טאַפּעטירונגען אויסגעפערטיגט שנעל, לויט די נייסטע מאָדע.



כשר לפּסח ———— כשר לפּסח

די לאַנג עגזיסטירענדע פירמע

# „מיכאל זיידמאן“ וואַלאָווע 5

איז פערזעהן אויפ'ן קומענדיגען פּסח מיט א גרויסען אויסוואהל פון פערשידענע ווײַנען י"ש 90 % 96 % מלומבל מעהד און „כרמל“-וויין.

די רעעלקייט פון מיין פירמע איז אַלעמען גוט בעקאַנט דעריבער קויפט אַלע נאָר ביי

# מיכאל זיידמאן

## וואַלאָווא 5



# Bank dla Handlu i Przemysłu

## אין וואַרשאַ, אָבטיילונג אין קעלץ.

צוזאַמען מיט אַלע אָבטיילונגען און אגענטורען, איבערבלייבענדיג ווייטער אונטער דער געריכטליכער אויפזיכט האָט

# אנגעהויבען טיילווייזע צאָהלונגען

און האט בעניט די באַנק-טעטיגקייט אין די ראַמען פון קאַמיס אָפּעראַציעס.

אין באַנק-צוזאַמענשטעל געהען אריין פאַרשטעהער פון די בעלי-חובות.

די באַנק גיט א פאָלשטענדיגע גאַראַנציע, אויסצופיהרען אַלע ערהאַלטענע אויפטראָגען.



# אנטווערפּען

אַלע אויסקונפטען וועגען בעלגיען, א. ד. בעזעצונגס - אין ארבייטסמעגליכקייט, אימפּאָרט און עקספּאָרט פון פערשידענע סחורות, הלואות אויף היפּאָטעקס בו גינסטיגע בעדינגונגען, קורץ וועגען אַלעם וואס איהר ברויכט וויסען, שיקט אייך זאַפּארט-געגען ביילאַגע פון 1 דאָלאר די

**Agence Internationale „Evidence“ 6q rue des Fortifications Anvers (Belgrane)**

געגרינדעט 1913. — קאָרעספּאָנדענץ אין אַלע שפּראַכען.



איך טיילע מיט דעם ג' פובליקום, דאס מיין געשעפט, וועלכעס עקזיסטירט פון יאָהר 1860, איז היינט פערזעהען מיט דעם בעסטען פּסח'דיגען שפּירט, וויין און מעהד 75°, 90°, 96°, 45° פון די בעסטע פירמעס.

איך פערהאָף, אז דאס ג. פובליקום וועט מיין געשעפט צאהלרייך בעזוכען.

מיט אכטונג:

# הערשיל לאַנדא

ראַדאָם, וואַלאָווא 35

בעסטע בעדינגונגען! רעעלע בעהאַנדלונג!



# בעקאַנטמאַכונג

איך מאך בעקאַנט די יודישע בעפעלקערונג פון ראַדאָם און אומגעגענד, דאס אין מיין פאַבריק שפּיטאַלנע גאס № 4 ווערט אויסגעארבייט פערשידענע זאַפטען צו זאָדע-וואסער און צו שנאַפּסען. אַלעס ווערט אויסגעארבייט מיט ריינעם צוקער, אויך איז עס בעשטעטיגט דורך דעם געזונדהייטס-אַמט.

עמפּפעלע זיך צום דיענסט פון די געערטע סוחרים. אָנגענומענע בעשטעלונגען וועלכע ווערען אויסגעפיהרט שנעל, רעעל און פּינקטליך.

מיט אכטונג **ש. גאַטליעב ראַדאָם, שפּיטאַלנע № 4**

אונטער פירמע „פּאָלאָניאַ“

פּ. ס. פיר סוחרים גרעסער אבנעמער ספּעציעלער ראַבאַט.

# WIELKI RAUT

**z bogato urozmaiconym programem**

urządza dnia 6 KWIETNIA 1926 roku

**Ż. T. G. S. „MAKABI" w Radomiu w salach hotelu Europejskiego. —— Rewja par najlepiej tańczących**

Początek o godz. 9 wiecz. **ZARZĄD.**

# אכטונג ראדאמער עלטערן!

„אינה דומה שמיעה לראיה"

יעדע רעקלאמע איז פיל איבערגעטריבען און ענטשפרעכט ניכט דער ווירקליכקייט. אלזא די עלטערן, וואס ווילען בעזארגען זייערע קינדער מיט ריכטיגע לעהרע און רעליגיעזע ערציהונג, זאלען נישט גלויבען קיין רעקלאמען, נאר זייערע אויגען זעלבסט. זאלען זיי קומען אין די עלטעסטע רענאמירטע שולע **„קדימה"** דארט וועלען זיי זעהען וואס בעדייט **א** ערנסטע שולע. קינדער 10-יעהריגע זעגען קלאר גאנצע 20 סדרות תורה און 100 קאפיטלען פון נ"כ ווי אויך דקדוק א. ד. ג. די עלטערן וועלען זיך דאן איבערצייגען, דאס נור די שולע „קדימה" איז די איינציגע, וואס פערדינט זייער צוטרוי אין אלע הינזיכטען. „יבא דודי לגנו ויאכל פרי מגדיו".

מיט אכטונג: **י. פאמעראנ׳יעץ,**

שפאציער-גאס 3.

## אלגעמיינע פערזאמלונג.

דעם 4 אפריל, 10—אדער 12 פר"ה קומט פאר א אלגעמיינע פערזאמלונג פון די מיטגלידער פון חבר"ה קדושה.

טאג ארדנונג. 1) בעריכט פון פערגאנגענעם יאהר, בידזשעט אויפן נייעם יאהר. 2) אויסקלויבען 2 מיטגלידער פון דער פערוואלטונג. 3) רעוויזיאנס-קאמיסיע. אין צווייטען טערמין ד. ה. 12 קומט פאר די פערזאמלונג ביי יעדער צאהל מיטגלידער.

**Najmilszej koleżance**

# FRANI HOROWICZ.

**z powodu przedwczesnego zgonu jej kochanej siostrzyczki wyraża szczere współczucie klasa 6-ta żeńska Gimn. „PRZYJACIÓŁ WIEDZY"**

KINO **„CZARY"** w Radomiu.

Od 4-go kwietnia tylko 3 dni

Wspaniały dramat w 8-miu aktach p. t.

# HONOR i OJCZYZNA

Na tle zdrady Panamskiej

**Z udziałem najlepszych artystów Amerykańskich.**

**Dla młodzieży dozwolony.**

Od 7-mego słynny obraz p. t.

## JEDEN z 36-ciu (Łamed Wownik)

W roli tytułowej słynny **Jonas Turkow.**

## Kino-Teatr „CORSO" w Radomiu.

Od poniedziałku 29-go marca r. b.

# Zigano, władca z Monte-Dravolo

Dramat sensacyjny w 2 serjach, 12-tu aktach.

Serja 1-sza p. t. „Zigano, herszt rozbójników"

Serja 2-ga „ „ „w Sieci Tyrana"

w roli głównej: ulubieniec Publiczności **Harry Peel.**

# א לאקאל

פון 2 אדער 3 צימערען מיט א קיך ווערט געזוכט פאר **א אידישע געזעלשאפטליכע אינסטיטוציע** (ראיאן: לובלינער, רוואנסקי, רינעק). — ווענדען זיך יעדען טאג פון 5 ביז 6 אווענד, צום ד"ר פאמראק (לובלינער 58), טעלעפאן 423.

נור ביי מיר בעקומט איהר אויף פסח:


TRADE MARK

שליוואוויטץ-אונגארישען 70°, כרמל

ווייַן, מעד, ווי אויך שפירט

כשר למהדרין מן המהדרין.

# ב. האנצבערג

## ראדאם, לובלינער 9.

פאר קראנקע, וועלכע נויטיגען זיך אין א גוט ביסעל וויין, איז מיין לאנגער פערזעהן א גאנץ יאהר מיט סאנט-ראפאעל פון יאהר 1914 און פר אנצויזישען רויט—ווייַן.

## בעקאנטמאכונג.

דאנערשטאג דעם 1/4 חו"מ פסח אום 7 אווענד קומט פאר אין זאהל פון האנדווערקער-קלוב א **אלגעמיינע פערזאמלונג** פון די מיטגלידער פון דער האנדווערקער-באנק.

די פערוואלטונג פון דער האנדווערקער-באנק בעט איהרע אלע מיטגלידער זיך צושטעלען אלע ווי איינער אין אויבענדערמאנטען טערמין, עס וועלען בעהאנדעלט ווערען זעהר וויכטיגע פראגען. צווישען אלע פראגען וועט אויך בעהאנדעלט ווערען וועגען שפאר און לייה-קאסע.

**דער טאג ארדנונג איז פאלגענדער:**

1) די אפשפארונג׳ס אקציע.
2) דאס פארליינען דעם פראטאקאל פון ה׳ רעווידענט (פארשטעהער פון רעוויזיאנס פארבאנד אין פוילען.
3) פרייע פארשלאגען.

## וויכטיג פאר ראדאם און פראווינץ!

איך מאך בעקאנט דאס ג. פובליקום פון ראדאם און פראווינץ, אז מיין געשעפט איז פערזעהן מיט א גרויסען אויסוואהל פון די נייעסטע עלעגאנטסטע מענער-קאפעלושען פון די בעסטע פירמעס, אויך היטלען פון אייגענע אויס-ארבייטונג. איך בסזיץ אויך א גרויסען אויסוואהל פון פערשידענע קינדערישע היטלעך און קאפעלושלעך, טיכענע, זייַדענע פון די נייעסטע עלעגאנטסטע פאסענער.

מיט אכטונג **יעקב קינצלער** ראדאם

לובלינער 14 אין הויף לינקס

**ציוניסטישע ארבייַטס-פארטיי „התאחדות" אין ראדאם וויטאלדא 7.**

עס וועלען נאך די יום-טובים בעגייט און נעעפענט

**אווענד-קורסען פאר העברעאישע און ענגלישע שפראכען**

פאר אנפאנגער, ווי אויך פאר מיטעלע און העכערע,

אונטער דער לייטונג פון בעקאנטע פעדאגאגען.

די ענגלישע קורסען וועלען זיין אונטער דער לייטונג פון ה׳ גלוזמאן

שילער־ינס ווערען אנגענומען פון חול־המועד פסח אן, טעגליך

פון 7—9 אווענד אין סעקרעטאריאט, וויטאלדא 7, פארטער.

Redaktor i Wydawca Ch. M. HERC

Odbito we własnej drukarni Radom Szwarlikowska № 20.